# פרשת במדבר כ"ח אייר - ה' סיון תשע"ט לפ"ק

*יום ראשון פרשת במדבר*

בשעות לפני הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החומש סעודה, לילדי התלמוד תורה בבארא פארק, שהתקיים בבית מדרשנו ברכת אברהם. המנהל הרב משה **יואל גערטנער** שליט"א פתח את המסיבה. אחר דרשת **הרה"ג הדומ"ץ שליט"א**, נתכבד **רבינו שליט"א** לישא מדברותיו. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל תהלים מידו של **רבינו שליט"א**.

*וזה תוכן הדברי תורה:*

**איך** וויל קודם וואונטשען א מזל טוב פאר די חשובע קינדער וואס האבן אנגעהויבען צו לערנען חומש, און פאר זייערע עלטערן, און די זיידעס. פארן מלמד רבי מרדכי יונה זאל זיין געזונט, ער זאל קענען ווייטער ממשיך זיין, זיין עבודת הקודש, מיט לאנגע געזונטע יארן.

**עס** שטייט די פארגאנגענע וואך אין די פרשה, אם בחוקותי תלכו, ואת מצותי תשמרו, ועשיתם אותם (ויקרא כו-ג), און די תורה זאגט די אלע ברכות, אויב מען וועט זיך האלטען צו די תורה. אין **בעל הטורים** שטייט א רמז, א'ם ב'חוקותי ת'לכו איז די ראשי תיבות אב"ת. וואס איז די ענין פון די אבות, וואס שטייט ביי אם בחוקותי תלכו. און וואס איז די לשון 'תלכו', אז מען וועט גיין. מצות איז מען מקיים, מען דארף טון די מצות, מען דארף נישט גיין דערצו, און דא האט די תורה ארויסגעשטעלט די לשון אם בחוקותי תלכו, אז מען וועט גיין אין די חוקות פונעם אייבערשטען.

**מען** האט פריער געהערט, אז די תלמוד תורה טוט נאר א חלק פון די ארבעט וואס געהערט ביי חינוך. מען לערנט מיט די קינדער, מען לערנט זיי אויס אלף בית, און שפעטער חומש, רש"י, גמרא, תוספות, וואס דאס קען א מענטש נישט אליין צושטעלן פאר א קינד, דאס ווערט געטון אינעם תלמוד תורה. אבער **די עיקר חינוך פון א קינד, ווענדט זיך זייער אסאך אין די שטוב. ווי אזוי מען זעהט די שטוב פירט זיך, לאזט עס איבער א געוואלדיגען רושם אויף די קינדער שפעטער. און דאס איז די פליכט פון עלטערן! נישט אז איך האב איבערגעגעבן מיין קינד אין תלמוד תורה, און איך וויל אז ווען ער ווערט אכצן יאר אלט זאל מען מיר צוריקגעבן א פארטיגע כלי, אויסגעבויט און אויסגעשטעלט ווי עס דארף צו זיין. די תלמוד תורה און די ישיבות טוען וואס מען קען, אבער די עלטערן זענען די וואס טוען אויספארעמען א קינד.**

**מען** לערנט יעצט ביי אונז אין די חבורה פון 'ובהם נהגה', מסכת יומא. די גמרא (יומא לה:) ברענגט צו, אז יעדן ערב יום כיפור האט מען געברענגט א פר, וואס דאס איז געווען פרו של אהרן. בזאת יבא אהרן אל הקודש בפר בן בקר לחטאת (ויקרא טז-ג), אהרן האט געדארפט מקריב זיין א פר. און נאכדעם האט ער געברענגט א שעיר לה' און א שעיר לעזאזל, וואס האט מכפר געווען אויף כלל ישראל. די פר וואס אהרן האט געברענגט, האט מכפר געווען אויף אים. ווען ער האט זיך מתוודה געווען אויף זיינע עונות, האט ער זיך מתוודה געווען אויפן פר. נאכדעם וואס ער איז אוועקגעגאנגען פון די ווידוי פון זיין פר, און ער איז געגאנגען טון אנדערע עבודות, איז ער צוריקגעקומען נאכאמאל צו דעם פר, און ער האט מתוודה געווען אויף די עונות פון די כהנים, און שפעטער האט ער מתוודה געווען אויפן שעיר, די עונות פונעם כלל ישראל. די גמרא (שם מג:) שטעלט זיך, פארוואס האט ער עס אפגעטיילט אויף צוויי. קודם האט ער מתוודה געווען אויף זיינע עונות, און ער איז אוועקגעגאנגען, און ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער מתוודה געווען אויף די עונות פון די כהנים. ער וואלט געקענט זאגען איין לאנגע ווידוי, אויף זיך און אויף די כהנים צוזאמען. זאגט די גמרא, יבוא זכאי ויכפר על החייב. מען קען נישט זאגען ווידוי אויף יענעמס עבירות, ביז מען האט זיך נישט אליינס אויסגעגראדעט מיטן אייבערשטען. ער מוז קודם זאגען ווידוי אויף זיינע עבירות, ער איז זיך מתוודה פארן אייבערשטען, וואס ווידוי אליין איז א כפרה אויף א מענטש, א חלק פונעם כפרה געשעהנט גלייך ביים ווידוי אפילו מען האט נאכנישט מקריב געווען דעם קרבן, ער הייסט שוין נישט קיין חייב, ער איז שוין א זכאי. און נאכדעם וואס ער זאגט ווידוי, און ער איז געווארן א זכאי, קען ער קומען זיך מתוודה זיין אויף די עונות פון די כהנים.

**וועו** ער האט מתוודה געווען אויף זיינע עונות, האט ער נישט נאר מתוודה געווען אויף זיינע עונות, נאר ער האט אויך מתוודה געווען אויף די עונות פון זיין שטוב. אויף די עונות פון בני ביתו, האט ער מתוודה געווען ביים ערשטען ווידוי, און שפעטער האט ער מתוודה געווען אויף די עונות פון די כהנים. אויב עס איז יבא זכאי ויכפר על החייב, וואלט ער געדארפט קודם מתוודה זיין נאר אויף זיך אליין, און שפעטער ווען ער איז א זכאי, זאל ער קומען מתוודה זיין אויף די עונות פון די בני בית. פארוואס האט ער די עונות פון די בני בית אויך אריינגעלייגט צוזאמען מיט זיין ווידוי.

**עס** שטייט אין די ראשונים, אז דער טעם דערפון איז, א טאטע איז פאראנטווארטליך פאר זיין שטוב. אויב די שטוב פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, איז עס נישט אז די שטוב האט געזינדיגט, נאר ער האט געזינדיגט. ער האט די כוחות און די פליכט צו זעהן אז זיין שטוב זאל זיין אויסגעשטעלט פאר א הייליגע ערליכע יודישע שטוב. ער קען נישט ווערן א זכאי, ביז ער האט נישט מתוודה געווען קודם על עונות בני ביתו. ווען ער איז מתוודה נאר אויף זיינע עונות, איז ער נאר א האלבער זכאי, ווייל די עונות פון די בני בית דאס איז זיינע עונות, מוז ער קודם מתוודה זיין אויף זיך און אויף די בני בית, דעמאלטס ווערט ער פערטיג מיט זיך, און דעמאלטס קען ער מתוודה זיין אויף די עונות פון די כהנים.

[**איך** האב נאכנישט מעיין געווען, איך ווייס נישט פונקטליך וואס מיינט עונות בני ביתו, ווער איז אלץ נכלל אין די עונות בני ביתו. צו בני ביתו מיינט נאר די קליינע קינדער וואס ער האט אין שטוב, צו אפילו די גרויסע קינדער איז אויך א חלק פון אים. און אויב ער איז א זיידע, און ער האט אייניקלעך, צו די עונות בני ביתו פון די אייניקלעך איז אויך נכלל אין די ווידוי וואס ער האט זיך מתוודה געווען פאר זיך. אויב ער האט עבדים ושפחות ביי זיך אינדערהיים, קען זיין אז עס איז אויך נכלל אין זיינע חטאים. כאטש דער קרבן איז נישט מכפר נאר אויף כהנים, אבער זיין חלק החטא וואס ער דארף מתוודה זיין, האט ער מתוודה געווען אויף די עונות בני ביתו, אין וועם ער האט א חלק, איז עס תלוי אין אים].

**די** מוסר השכל דערפון איז, **אז א מענטש וואס האט בני בית, איז ער פאראנטווארטליך אויף וואס די בני בית טוען. עס איז נישט אז די ווייב האט אזוי געטון, די קינדער האבן אזוי געטון. מיט דעם וואס ער איז א טאטע אין שטוב, דארף ער מחנך זיין און אראפ לייגען א פוס ווען מען דארף. מען קען נישט אלעס טון אינדערהיים, מען האט קינדער, און מען דארף זיך רעכענען מיט די קינדער. וואס די קינדער זעהען אין שטוב, דאס וועט זיין זייער חינוך. מען קען נישט פארן וואו מען וויל, און מען קען נישט גיין וואו מען וויל, ביז עס איז נישט אויסגערעכנט פון פריער, צו דאס וועט זיין א פלאץ פאר די קינדער, צו ח"ו פארקערט.** די עונות בני ביתו איז א חלק פון זיין ווידוי אליין.

**די** קינדער זענען די פוס פונעם טאטען. ברא, דער זון, איז כרעא דאבוה (עירובין ע:), די פוס פונעם פאטער. אם בחוקותי תלכו, ווען די תורה פארלאנגט אז מען זאל זיך פירן על דרכי התורה, איז עס נישט גענוג אז דו ווערסט זיך פירן על דרכי התורה, נאר 'תלכו', דיינע פוס וואס גייען, דיינע קינדער, וואס ברא כרעא דאבוה, זיי דארפן אויך גיין בחוקותי. אויב איך בין א צדיק פאר מיר אליין, איך קוק זיך נישט אום אויף די שטוב ווי אזוי זיי זאלן זיך פירן, איז נישט דא די ברכות וואס שטייט אין די תורה. אם בחוקותי תלכו, ווען ענקערע פוס וועלן אויך זיין אין די חוקותי, ענקערע קינדער וואס זענען ברא כרעא דאבוה וועט עטץ מחנך זיין אויפן זעלבן וועג וואס עטץ דארפסט צו גיין, דעמאלטס זאגט די תורה די אלע ברכות וואס וועט זיין שפעטער.

**פארוואס** ווערט א קינד אנגערופן די פוס פונעם טאטען. שטייט אין הייליגע ספרים, א מענטש'ס לעבן אין באגרעניצט, ימי שנותינו בהם שבעים שנה, ואם בגבורות שמונים שנה (תהלים צ-י), קיינער לעבט נישט אויף אייביג. מען לאזט אלעס איבער שפעטער, און די לעבן פון א מענטש האט נישט קיין המשך. מען קען דינען דעם אייבערשטען ווילאנג מען לעבט, אבער במתים חפשי (שם פח-ו), כיון שמת אדם, נעשה חפשי מן התורה ומן המצוות (שבת ל.). עס איז אבער דא איין אינוועסטמענט וואס א מענטש מאכט, וואס בלייבט איבער פאר אים, וואס ער קען מיט דעם גיין העכער און העכער, אפילו ווען ער איז שוין נישט אויף דעם עולם. ער בלייבט שטענדיג א הולך. ווען ער שטעלט אויף א ערליכע שטוב, קינדער וואס גייען בדרכי התורה, איז אפילו

ווען ער איז נישט דא, אויב זיין קינד פירט זיך ערליך ווי עס דארף צו זיין, ער לערנט, ער דאוונט, ער גיט צדקה, איז עס אלעס א עילוי פאר זיין טאטן. דאס וואס אונז פיר מיר זיך ערליך, דאס איז א עילוי פאר אונזער טאטעס און פאר אונזערע זיידעס, וואס זיי האבן אונז מחנך געווען. כאטש ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט איז ער א עומד, ער שטעלט זיך אפ און ער גייט נישט ווייטער, אבער ברא כרעא דאבוה, די קינדער זענען די פוס פון די עלטערן. אז מען וויל אז די עלטערן זאלן ווייטער גיין, איז דאס דורך די קינדער, וואס זיי פירן די עלטערן אז מען בלייבט א הולך אויף שטענדיג.

**יעדער** וואונטשט זיך אז מען זאל האבן ערליכע קינדער, יעדער וואונטשט זיך אז ער זאל זיין א הולך שטענדיג, אז מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען אפילו ווען מען איז שוין נישט אויף דעם עולם, און מען זאל אייביג נתעלה ווערן מער און מער, און דאס איז דורך די קינדער, וואס זיי זענען די פוס פון די טאטע. מען דארף וויסן די פליכט וואס ליגט אויף אונז, מחנך צו זיין אונזערע קינדער. און ווי מער מען טוט אינוועסטירן אין די קינדער, אזויפיל נעמט מען שפעטער ארויס די פירות דערפון. אז מען לייגט זיך אריין, מען ווייסט אז די גאנצע לעבן איז נאר די קינדער, די קינדער זענען די וואס טוען אונז ברענגען לחיי עולם הבא, וועלן מיר אלעס אריינלייגען אין אונזערע קינדער, אז זיי זאלן אויסוואקסען ערליך. אלע ווייסן דאך די נסיונות פונעם היינטיגען דור, אז עס איז אסאך מער ווי מען קען ארעפלייגען, און מען דארף האבן אסאך סייעתא דשמיא אז מען זאל זיך קענען האלטן ערליך. פון יאר צו יאר ווערט אלץ שווערער די נסיונות, און וויפיל מען לייגט אריין אין די קינדער, וויפיל מען טוט צוריקהאלטן די שטוב אז מען זאל נישט מיטגיין מיט די שוואונג פון די וועלט, דאס פועל'ט אז די קינדער זאלן וואקסען אויף דעם וועג. וויל איך נאר וואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל געבן ווייטער אויך, אז די עלטערן זאלן קענען מחנך זיין אלע זייערע קינדער, פאר שטובער פון תורה און יראת שמים. מיר האלטן פאר קבלת התורה, זאל דער באשעפער געבן, אז מיר זאלן קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב, און אנטקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

בשעות הערב שימש **רבינו שליט"א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **יצחק אלחנן צבי שטערן** הי"ו, שהתקיים באולם דיקאריעם.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשולחן ערוך (או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ו סעיף ו') בבית מדרשנו בבארא פארק.

*

***יום שני פרשת במדבר - ערב ראש חודש סיון***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לציון אביו **כ"ק הגה"צ אבד"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** בבית החיים בניו דזשערסי (לרגל היומא דהילולא ביום ערב שבועות הבעל"ט). **רבינו שליט"א** הדליק נרות על הציון, ואמר מזמורי תהלים למשך זמן.

משם נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל שם תפלת מנחה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** במסיבה לטובת הכולל בוויליאמסבורג, שהתקיים בבית הר"ר **יואל משה בינער** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט אין נ"ך (יהושע ג-ט) ווען יודען זענען אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, און מען האט געדארפט אריבערגיין דעם ירדן, האט יהושע צוזאמגענומען גאנץ כלל ישראל, און ער האט זיי געזאגט, אז מען גייט אריבערגיין דעם ירדן. די כהנים וואס האבן געטראגען דעם ארון זענען אריינגעגאנגען אינעם ירדן אין אנהייב, און די וואסער האט זיך געשפאלטען, און גאנץ כלל ישראל איז אדורכגעגאנגען, נאכדעם איז צוריקגעגאנגען די וואסער אויפן פלאץ, און יודען זענען געווען אפגעטיילט פונעם ארון. די ארון איז געבליבן אויף די זייט, און יודען זענען אריבערגעגאנגען אויף די אנדערע זייט פונעם ירדן. נאכדעם האט זיך די ארון מיט די כהנים אויפגעהויבן, און עס איז אריבערגעגאנגען פון זיך אליין דעם וואסער. ארון נושא את נושאיו (סוטה לה.), די ארון האט אויפגעהויבן די אלע וואס האבן אים געטראגען, און זיי זענען אריבערגעגאנגען די וואסער. וועגן דעם שטייט אין חז"ל (שם) אז בשעת מען האט

אהיימגעטראגען דעם ארון פון די פלשתים, האט עוזה געוואלט העלפן אז די ארון זאל נישט אראפפאלן, און דער אייבערשטער האט אים געשטראפט, ווייל אויב ארון נושא את נושאיו, אויב די ארון האט געטראגען אנדערע, את עצמו לא כל שכן, קען ער זיך אליין אויך טראגען.

**עס** שטייט אין רש"י אויפן פלאץ, און עס איז א מדרש (ב"ר ה-ו), אז יהושע האט פאר דעם צוזאמגענומען גאנץ כלל ישראל אויף א קליין פלאץ, און ער האט זיי איבערגעגעבן די סדר ווי אזוי מען גייט אריבער קיין ארץ ישראל. יהושע האט גענומען גאנץ כלל ישראל, און ער האט זיי געהייסען, אז זיי זאלן אריינגיין צווישן די צוויי בדי הארון. און עס איז געשעהן א נס, אז אין דעם קליינעם שטיקל פלאץ, ווי גרויס עס איז צווישן די בדי הארון, איז אריינגעגאנגען ששים רבוא יודען, עס איז געווען א מועט המחזיק את המרובה. און ער האט זיי געוויזען, אז דער אייבערשטער איז צוזאמען מיט אונז, ער האט געמאכט אזא נס אז עס איז א מועט המחזיק את המרובה, און מען זאל נישט מורא האבן, און מען זאל אריינגיין קיין ארץ ישראל. - מען קען עס נישט משיג זיין אין טבע. ווי גרויס איז שוין געווען די פלאץ. די גאנצע ארון איז געווען אמתים וחצי ארכו, און די בדי הארון איז געווען נישט מער פון צען אמות לאנג, דאס איז די מערסטע וואס די בדים האט געקענט זיין לאנג (עיין מנחות צח:). און מען זאל קענען צוזאמנעמען גאנץ כלל ישראל, און אריינלייגען אין אזא קליין פלאץ, איז געווען א געוואלדיגע נס. די נס האט דער אייבערשטער געמאכט, ווייל ער האט געוואלט ווייזען, אז דער אייבערשטער איז צוזאמען מיט אונז. אבער פארוואס האט ער זיי פונקט אריינגעלייגט צווישן די בדי הארון. ווען ער וואלט זיי געשטעלט אינדרויסן, אין א קליין ווינקל וואלט געווען דארט ששים רבוא יודען, וואלט אויך געווען א נס. פארוואס האט אויסגעפעלט אז די נס זאל זיין אין די בדי הארון.

**אין** פשטות, ווייל חז"ל (יומא כא.) זאגען דאך, אז מקום ארון אינו מן המדה. אפילו ווען דער ארון איז געשטאנען אינעווייניג אין קדשי קדשים, האט ער נישט פארנומען קיין פלאץ. מען האט געקענט מעסטן פון ביידע זייטן פונעם ארון, און עס איז געווען די זעלבע מאס, סיי ווען עס איז געווען די ארון, און סיי ווען עס איז נישט געווען די ארון. עס האט נישט פארנומען קיין מקום. זעהט מען, אז דער ארון האט אין זיך אזא כח, אז עס איז נישט דא קיין מדה דארט. און אז עס איז נישט דא קיין מדה, האט ער אריינגעלייגט דארט אינעווייניג דעם גאנצען כלל ישראל.

**עס** קען אפשר זיין לענינינו. אין הייליגע ספרים שטייט, אז דער ארון ווייזט אויף די וואס זיצען און לערנען תורה. עס איז דא אין חז"ל כמה דרשות אויף דעם, אז דער ארון איז רומז אויף א תלמיד חכם. וואס איז געווען דער ארון? דער ארון איז געווען א האלצערנע כלי, וואס איז געווען ארומגענומען מיט גאלד, און אינעווייניג איז געלעגן די תורה. דער תלמיד חכם איז אויך די זעלבע, ער איז טאקע א גשמיות'דיגער ארון, אבער אין אים ליגט די תורה. די בדי הארון, די זענען די מחזיקי התורה. כדי דער ארון זאל קענען גיין פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ, זענען געווען די בדים וואס האלטן דעם ארון. אויף די בדי הארון שטייט (שמות כה-טו) לא יסורו ממנו, מען האט קיינמאל נישט געטארט אפלאזן די בדי הארון פון דעם ארון. די תורה דארף אייביג האבן מחזיקי התורה. און די מחזיקי התורה מוזן שטיין שטענדיג גרייט נעבן די תורה, אז זיי זאלן קענען העלפן די תורה. נישט אז ווען מען וועט זיי דארפן, וועט מען זיי רופן, מען וועט ארויסנעמען די בדים פונעם שאנק, און מען וועט זיי אריינלייגען. לא יסורו ממנו, עס האט זיך נישט געטארט אפטון די בדים פונעם ארון, צו ווייזען, אז די מחזיקי התורה דארפן שטענדיג זיין דארט וואו די תורה איז.

**כל** העוסק בתורה נכסיו מצליחין (עבודה זרה יט:), ווען איינער איז עוסק בתורה, האט ער א הצלחה. תורה ברענגט מיט זיך אלע ברכות. עס שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה, אם בחוקותי תלכו (ויקרא כו-ג), אלע ברכות וואס איז דא, איז תלוי אין די תורה. די בדי הארון, די האבן די זעלבע חשיבות ווי דער ארון אליין, וויבאלד זיי טראגן דעם ארון. יהושע האט געוואלט ווייזן פארן כלל ישראל, אז מען זאל וויסן, אז דער ארון מיט די בדים די שטייען חוץ לדרך הטבע, סיי דער ארון ווי אזוי ער האלט זיך, איז אינו מן המדה. און סיי די בדי הארון, די וואס זענען דארט ארויסצוהעלפען, איז אויך זייער הנהגה פונעם אייבערשטען חוץ לדרך הטבע. די הצלחה וואס זיי

האבן, איז חוץ פונעם נארמאלן וועג ווי אזוי מען איז מצליח. וואו קען ער ווייזען אז די בדי הארון מיט די ארון האבן אזא גרויסן כח, האט ער גענומען גאנץ כלל ישראל, און ער האט זיי אריינגעלייגט צווישן די בדי הארון, עס איז נישט דא א מציאות אז אזוי סאך מענטשן זאלן האבן פלאץ דארט צו שטיין. דאס איז טייטש, אז אפילו א מענטש וואס האט נישט קיין פלאץ אויף די וועלט, וואו ער זאל קענען האבן א מקום, אבער אויב ער שטעלט זיך אריין ביי די בדי הארון, האט ער א הצלחה.

**און** דאס איז די כח פון תורה. די גאנצע וועלט שטייט נאר אין זכות פון תורה, בראשית ברא אלקים (בראשית א-א) בשביל ישראל שנקרא ראשית, בשביל תורה שנקרא ראשית (ב"ר א-א). און דאס איז די חשיבות פון די נושאי הארון, אז די ארון איז נושא את נושאיו. ער מיינט אז ער טראגט דעם ארון, ער מיינט אז ער גיט פאר תורה, דאס וואס דו האסט, האט די תורה דיר צוגעברענגט אז דו האסט עס. די ארון איז נושא את נושאיו, ער טראגט די וואס טראגען אים. קוקען קוקט אויס, ווי די כהנים האבן געטראגען דעם ארון, האט דער באשעפער דארט ביי דעם פלאץ געוויזען, אז דעם ארון דארף מען נישט טראגען, נאר די ארון הייבט אויף די אלע וואס טוען צוהעלפן צו טראגען די ארון. דאס ווייזט אויף די חשיבות פון די מחזיקי התורה.

**אז** מען קומט זיך צוזאם פאר דעם חשובען כולל, וואו מען זיצט און מען לערנט. די בעלי בתים טוען צוהעלפן דערצו, אז מען זאל קענען זיצען באהלה של תורה, איז די ברכות וואס דער אייבערשטער גיט דערויף, חוץ לדרך הטבע, אזוי ווי מען זעהט וואס עס איז געוועזן ביים ארון. רבי יואל משה מאכט יעצט א חנוכת הבית פאר זיין שטוב, ער איז עס מחנך מיט תורה, זאל דער אייבערשטער אריינשיקען אסאך ברכה און הצלחה חוץ לדרך הטבע. די אלע וואס זענען מסייע און זיי זענען תומך אין די כולל, רבי מיכל (ניימאן שליט"א) וואס טראגט דער גאנצע עול אויף זיך, [מען דארף אים שוין צוהעלפן, אז ער זאל נישט אלעס דארפן טראגען אויף די אייגענע פלייצע. זעהט אויס אז ער האלט אויך, אז עס איז נושא את נושאיו, ער וויל נישט נאכלאזן. דאס וואס ער איז מצליח איז אויך נאר ווייל מען טוט פאר די תורה]. זאל דער אייבערשטער זיי העלפן אי"ה, אז זיי זאלן האבן אסאך ברכה און הצלחה, אין זכות פון די תורה. מען שטייט ראש חודש סיון, ביום הזה באו מדבר סיני (שמות יט-א), די תורה דארף זיין בכל יום יהיו בעיניך כחדשים (רש"י שמות יט-א), זאלן מיר זוכה זיין מקבל צו זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב, און אנטקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שלישי פרשת במדבר***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי להשתתף במסיבה להחזקת הבית חינוך לבנות 'בנות חנה' וויען במאנסי, שהתקיים בבית הר"ר **משה מיללער** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** שטייט יעצט ראש חודש סיון, דעם טאג וואס יודען זענען אנגעקומען צום מדבר סיני מקבל צו זיין די תורה, און יומא קמא לא אמר להו ולא מידי (שבת פו:), דעם ערשטען טאג האט משה רבינו נישט גערעדט צו יודען וועגן מתן תורה. דעם צווייטען טאג, אזוי ווי היינט נאכט, ב' סיון, איז משה רבינו געקומען אין נאמען פונעם אייבערשטען, און ער האט פארגעלייגט די תורה פאר יודען. כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל, אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים וגו', אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל (שמות יט-ג), לא פחות ולא יותר (רש"י שם). דער אייבערשטער האט אנגעהויבן מתן תורה מיט כה תאמר לבית יעקב, אלו הנשים (שבת פז.), און נאכדעם ותגיד לבני ישראל, פאר די אנשים. בפשטות דארף דאך זיין פארקערט, מען דארף געבן די תורה פאר די מענער, און פאר די ווייבער אויך. די עיקר תורה איז דאך געגעבן געווארן פאר די אנשים, וואלט די תורה געדארפט אנהייבן כה תגיד לבני ישראל, ותאמר לבית יעקב. און דער באשעפער האט אנגעהויבן די בקשה מיט כה תאמר לבית יעקב.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער פשט דערפון איז. לו יהא אז די נשים זאגען, אז מיר זענען נישט

גרייט מקבל צו זיין די תורה, איז נישט דא קיין זין אז מען זאל געבן די תורה פאר יודען. עס איז נישט דא קיין מציאות אז מען זאל קענען האלטען די תורה, אויב די בני בית אין שטוב זענען נישט גרייט זיך צו האלטען צו די דרכי התורה. זיי זענען די וואס זענען מצילות אותנו מן החטא, זיי זענען די וואס זענען מגדלות את בנינו (יבמות סב:), זיי טוען ערציען די קינדער. און אויב זיי זענען נישט גרייט מקבל צו זיין די תורה, איז א שאד ותגיד לבני ישראל. כה תאמר לבית יעקב, הייב אן מיט די בית יעקב, לאמיר קודם וויסן צו זיי זענען גרייט מקבל צו זיין די תורה. אויב זיי זענען גרייט, איז ותגיד לבני ישראל, קען מען רעדן שפעטער צו יודען.

*

**פאר** די בית יעקב איז געווען א אמירה רכה, און פאר די בני ישראל איז געווען ותגיד, דברים קשין כגידין. די מפרשים שטעלן זיך, אויב עס איז אלה הדברים, ער האט נאר גערעדט די צוויי פסוקים, האט מען דאך געזאגט די זעלבע דיבורים פאר יעדן, פארוואס איז עס ביי די נשים א אמירה רכה, און ביי די מענער איז עס דברים קשים כגידין.

**דער** אמת איז, אז פאר א מאן איז זייער שווער מקיים צו זיין די תורה. ער האט אויף זיך א עול פון אלע תרי"ג מצות התורה, און די עיקר מצוה פון לימוד התורה, והגית בו יומם ולילה (יהושע א-ח). א יוד איז פארנומען מיט די תורה פיר און צוואנציג שעה אין טאג, עס איז נישט דא א מינוט וואס ער איז פריי, אלץ האט ער אויף זיך א חיוב פון מצות, און ווען ער האט נישט וואס צו טון, דארף ער זיצען און לערנען. א פרוי איז נישט פארנומען א גאנצן טאג מיט מצות התורה, נאר א חלק פונעם טאג. זי דארף מקיים זיין די מצות וואס איז נוגע פאר איר, און מחנך זיין די שטוב. אבער זי איז פטור פון אלע מצות וואס זענען הזמן גרמא, זי איז פטור פון לימוד התורה. פאר איר איז אסאך גרינגער מקיים צו זיין די תורה, ווי פאר א מאן. אויב א מאן וויל זוכה זיין צו תורה, דארף עס זיין במיעוט תענוג, במיעוט מאכל, במיעוט משתה, במיעוט שינה. מען קען נישט שלאפן, מען קען נישט עסן, מען דארף לערנען תורה מתוך הדחק, כדי מען זאל זוכה זיין צו תורה. א פרוי האט נישט אויף זיך די אלע מצות, זי האט נישט דעם עול, אבער פון די אנדערע זייט, קען זי אבער זוכה זיין אז זי זאל האבן א חלק אין די אלע מצות וואס דער מאן טוט. ווייל אן איר איז נישט דא קיין תורה. זי איז מגדלות את בנינו, זי העלפט צו, צו תורה. און מיט דעם וואס זי טוט צוהעלפן צו תורה, איז זי א שותף, זי באקומט א חלק אין די גאנצע תורה.

**עס** האט מיר אמאל נאכגעזאגט א יוד אויף **רבי יונתן שטייף זצ"ל**, אז ער איז אמאל געפארן אין בית המדרש דאווענען, און ער האט געזעהן ווי די באסעס קומען אן צו טראגען די קינדער אין חדר. און ער האט געזעהן ווי א טאטע ברענגט אראפ א קינד ארויפצולייגען אויפן באס. האט ער אים צוגערופן צו די קאר, און ער פרעגט אים, פארוואס ברענגסט דו דאס קינד צום באס, פארוואס נישט דיין ווייב. האט ער געזאגט, ווייל עס איז דא נאך קינדער אין שטוב, און זי איז פארנומען אויבן, האב איך אראפגעברענגט דאס קינד. האט אים רבי יונתן געזאגט, אן אנדערס מאל זאלסטו נישט אזוי טון. אן אנדערס מאל זאלסטו זאגען פאר דיין ווייב, אז זי זאל אראפטראגען דאס קינד, און דו זאלסט בלייבן אויבן מיט די קינדער. דו האסט דאך א זכות פון תורה, פרויען האבן נישט קיין זכות פון תורה, עס איז נאר דאס וואס זיי טוען ברענגען די קינדער צו לערנען תורה. פארוואס זאלסטו צונעמען פון איר חלק וואס זי קען טראגען א קינד צום תלמוד תורה. זי זאל צוטראגען די קינדער צום באס, און דו זאלסט בלייבען אויבן אין שטוב מיט די קינדער. - א פרוי האט דאס וואס זי העלפט צו, צו תורה, דאס איז איר גאנצע מצוה וואס מען פארלאנגט פון איר.

**אין** אנדערע ווערטער, א מאן ווען ער איז מקבל די תורה, איז ער טאקע קרוב לשכר, אבער ער איז אויך קרוב להפסד. ער באקומט טאקע א גרויסען שכר אויף קיום התורה, אבער עס קומט מיט א פעקעדז"ש, עס קומט מיט, אז טאמער מען נוצט נישט אויס יעדע מינוט, איז דא עונשים דערויף. פרויען זענען מער קרוב לשכר, פאר איר איז אסאך גרינגער צו נעמען אויף זיך עול התורה, זי באקומט קרעדיט אז דער מאן זיצט און לערנט, אז די קינדער ווערן אויפגעוואקסען ערליך איז איר קרעדיט. און אפילו אויב נישט, באקומט זי נישט די שכר וואס דער מאן האט געלערנט תורה, אבער זי האט נישט קיין עונש אויף דעם וואס זי האט נישט געלערנט. - די זעלבע תורה איז כה תאמר לבית יעקב, ותגיד

לבני ישראל, פאר די בית יעקב איז עס א אמירה רכה, עס איז נישט אזוי שווער מקבל צו זיין די תורה, און ותגיד לבני ישראל, פאר בני ישראל איז עס דברים קשים כגידין.

**וואו** זעהט מען, אז אפילו מען טוט נישט אליין, אבער אז מען העלפט מחנך זיין די קינדער, ווערט עס גערעכנט פאר איר זכות, אז מען זאגט אז די זכות פון די מאמע איז, דאס וואס זי העלפט צו, אז די קינדער זאלן לערנען תורה, און זי ווארט אויס אז דער מאן זאל צוריקקומען פון בית המדרש פון לערנען, דאס איז איר זכות פון לימוד התורה. וואו געפונט מען אז זיי האבן טאקע א זכות דערין, אז עס ווערט גערעכנט פאר זייער שכר אויך.

**עס** איז דא א שיין ווארט פונעם **בית יצחק**, דער **לעמבערגער רב זצ"ל**. ווען מען איז ארויס פון מצרים האט מען געזאגט שירה על הים, און מרים האט אויך געזאגט שירה מיט די ווייבער, ותקח מרים הנביאה את התוף בידה, און זי האט געזאגט איין פסוק פון די שירה, שירו לה' כי גאה גאה, סוס ורוכבו רמה בים (שמות טו-כ). האט ער געזאגט זייער א שיינעם געדאנק. דער אייבערשטער האט גענומען די מצריים, און אריינגעווארפען אינעם ים, און זיי זענען דארט געשטארבען. עס קומט זיך זיי דער עונש, ווייל זיי האבן משעבד געווען יודען, און זיי האבן נישט געוואלט ארויסלאזן יודען פון מצרים. אבער וואס איז דער סוס שולדיג, פארוואס האט דער אייבערשטער גע'הרג'ט די פערד אויך. פאר די פערד וואלט דער אייבערשטער געדארפט מאכן א נס, אז זיי זאלן קענען ארויסקומען לעבעדיגערהייט פון דארט. פארוואס איז געווען סוס ורוכבו רמה בים. די תירוץ דערויף איז, אז די מצריים וואלטן דאך נישט געקענט נאכיאגן יודען, ווען נישט זיי האבן די סוס. קומט דאך אויס, אז דער סוס האט צוגעהאלפן דערצו אז מען זאל קענען נאכיאגן די יודען. און ווען איינער איז גורם יענעם צו טון א רעה, באקומט ער דעם זעלבן עונש ווי דער וואס טוט די שלעכטס. וויבאלד די מצריים האבן נאכגעיאגט יודען, זיי האבן געוואלט נאכאמאל צוריקנעמען יודען און זיי משעבד זיין, און די סוס האט צוגעהאלפען דערצו, קומט פארן סוס דעם זעלבן עונש וואס עס קומט פאר די מצריים.

**האט** מרים געזאגט, קען מען פון דעם אראפלערנען א מדה טובה. אויב ווען מען העלפט צו שלעכטס, זאגט מען אז מען איז חייב, איז דאך א כל שכן מדה טובה וואס איז מרובה (סוטה יא.), אז א ווייב העלפט צו פאר א מאן אז ער זאל קענען לערנען, זי העלפט צו אז די קינדער זאלן נתחנך ווערן און זיי זאלן אויסוואקסען ערליך, איז דאך אוודאי אז זיי האבן א זכות דערין, און עס קומט זיי שכר דערפאר. האט מרים געזאגט פאר די נשים, שירו לה', עטץ דארפסט אויך דאנקען דעם אייבערשטען, ווייל סוס ורוכבו רמה בים, מען זעהט דאך אז דעם סוס מיטן רוכבו האט דער אייבערשטער אריינגעווארפען אינעם ים. וואס איז דער סוס שולדיג. נאר דער סוס האט דאס אלעס גורם געווען. על אחת כמה וכמה יודישע מאמעס וואס טוען גורם זיין אז די מענער זאלן זיצען און לערנען, די קינדער זאלן זיצען און לערנען, האבן זיי אוודאי דעם זעלבן שכר.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט, כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל, אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים, עטץ האטס געזעהן וואס איך האב געטון אין מצרים, אז נישט נאר מען האט גע'הרג'ט די מצריים אליין, נאר די סוס וואס האט זיי געברענגט האט מען אויך גע'הרג'ט, פון דעם וועט עטץ פארשטיין דעם זכות וואס די בית יעקב האבן. פון דעם וואס זיי טוען צוהעלפן אז די מענער זאלן זיצען און לערנען, און די קינדער זאל מען מחנך זיין, האבן זיי דעם זעלבן זכות.

**יעדער** ווייסט די שוועריקייטן וואס איז היינט דא אין חינוך פון קינדער, און ווי מען האט פריער געהערט, ביי די מיידלעך איז עס אסאך מאל נאך שווערער. זיי האבן נישט קיין תורה, זיי האבן נישט זאכען וואס זאל זיי אנפילן דעם קאפ אז זיי זאלן זיך האלטען ערליך. **די הצלת ישראל איז פון די יודישע בתי חינוך, וואס מען טוט מחנך זיין דארט די יודישע טעכטער, אז זיי זאלן אויסוואקסן ערליך. אויב עס איז נישט דא קיין ערליכע מאמעס, איז נישט דא קיין ערליכע קינדער, עס איז נישט דא קיין ערליכע שטובער.** כה תאמר לבית יעקב, אז די בית יעקב איז גרייט מקבל צו זיין די תורה, דעמאלטס איז דא א זכות פון יודישע קינדער, אז ותגיד לבני ישראל. אז מען שטעלט אויף א יודישע מיידל

שולע, די קינדער ווערן נתחנך פאר ערליכע יודישע טעכטער, און זיי ווערן נאכדעם די מאמעס פון כלל ישראל. און די מאמעס פון כלל ישראל, בויען כלל ישראל, איז א געוואלדיגער זכות וואס מען האט, ווען מען טוט זיי צוהעלפען.

**און** ווי מען האט פריער גערעדט, אויב עס איז סוס ורוכבו רמה בים, פאר א יעדע גורם באצאלט דער אייבערשטער אזוי ווי דער וואס טוט עס, איז אוודאי אז די וואס העלפן צו פאר די חינוך הבנות, ער טוט צוהעלפן נישט נאר וויפיל מען דארף טון פאר די אייגענע קינדער, נאר מען טוט עס פאר דעם גאנצען מוסד, מען העלפט צו פאר די אנדערע וואס געפונען זיך דארט, וואס נישט יעדער האט אמאל די מעגליכקייט אליין צו טון וויפיל עס פעלט אויס פאר א קינד, איז מען גורם אויפצושטעלן יודישע שטובער, און מען האט א זכות פון אלע קינדער שפעטער. דאס וואס זיי ווערן ערוואקסען, איז עס פון די וואס האבן צוגעהאלפן דערצו, עס גייט אויף זייער קרעדיט. און כל שכן א מוסד וואס איז נאך יונג, עס הייבט זיך ערשט יעצט אן צו אנטוויקלען און צו בויען, און די אלע וואס טוען צוהעלפן בתחלתו אז די מוסד זאל קענען צושטאנד קומען, און עס זאל זיך האלטן, האבן א עקסטערע זכות פאר זיך אליין. דער אייבערשטער וועט העלפן, און ברבות הימים, ווען א מוסד ווערט גרויס, איז דא אסאך יודען וואס שטיצען עס שוין, ווייל מען זעהט שוין די פירות דערפון. די אלע וואס טוען צוהעלפן פאר א מוסד ווען עס בויט זיך, די האבן דעם זכות פון די מוסד וואס וועט שטיין ביז משיח וועט קומען אי"ה.

**היינט** האט מען מקבל געווען די תורה, עס איז ב' סיון, דער יום המיוחס, זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער אויך מקבל זיין די תורה, און זיך פירן על דרכי התורה. איך וויל זאגען א עקסטערן יישר כח פארן בעל אכסניא, וואס האט געמאכט די שטוב פאר א אכסניא של תורה, צוצוהעלפן צו בויען תורה. די זכות פון תורה זאל אים ביישטיין ווייטער אויך, מען זאל קענען מחנך זיין די אייגענע קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים, און קענען טון מצות און מעשים טובים, און זעהן אסאך שמחות און נחת ביי זיי. און מיר אלע זאלן קענען מקבל זיין די תורה פרייליכערהייט, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת במדבר***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לסטעטן איילאנד להשתתף אצל הכנסת ספר תורה על ידי גיסו **הגה"צ אב"ד גראסווארדיין שליט"א**. **רבינו שליט"א** כתב אות בהספר תורה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך ליוה את הספר תורה לבית המדרש, ורקד בבית המדרש ריקודין של שמחה לכבוד התורה.

אחר מעריב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **ירמיה** (ב"ר יוסף) **הערשקא** הי"ו.

*

***יום חמישי פרשת במדבר***

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל כתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה על ידי הר"ר **יצחק אלעזר ווערצבערגער** הי"ו, שהתקיימה בבית אמו שיחי'. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעת הגבהת הספר תורה, גלל **רבינו שליט"א** את הספר, והניח עליו את מעיל הספר והכתר תורה, והוציא את הספר תורה לרחובה של עיר, אל עבר בית מדרשינו.

כשהגיע הספר תורה לפני בית מדרשנו, יצא **רבינו שליט"א** לקראת הספר תורה והכניסו לתוך הבית המדרש, שהיה מלא וגדוש בציבור רב זקנים עם נערים שבאו לשמוח בשמחת התורה. **רבינו שליט"א** רקד עם הנדבן הר"ר **יצחק אלעזר** הי"ו, בריקודי שמחה בעוז ותעצומות. אחר כך נתכבדו שאר רבני וחשובי העדה לרקוד עם הספר תורה.

אחרי הריקודים עלה **רבינו שליט"א** ביחד עם הנדבן לבימת הארון הקודש, וכיבד את הנדבן להכניס את

הספר תורה לארון הקודש. אחר כך אמר **רבינו שליט"א** את המזמור 'לדוד מזמור' פסוק בפסוק.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה שנערך לכבודה של תורה באולם אימפיריעל, ונשא מדברותיו (בעת הסעודה נתחלק הספר החדש **שמן ראש** חלק אחד עשר - במדבר, נדבת לבו של ידידינו הר"ר **יצחק אלעזר ווערצבערגער** הי"ו).

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מיר** זיצן דא אינאיינעם ביי א סעודה של מצוה, לכבוד די הכנסת ספר תורה פון מיין נאנטער ידיד רבי יצחק אלעזר זאל זיין געזונט, וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן די זכיה ער זאל שרייבן א ספר תורה. עס איז יעצט די טעג פון שבועות, עס איז א זמן וואס משה רבינו האט מציע געווען די תורה פאר יודען, און זיי זענען געווען גרייט תיכף מקבל צו זיין די תורה, זיי האבען געזאגט כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע (שמות כד-ז). אז מען שרייבט א ספר תורה אין די טעג, ברענגט עס ארויס א געוויסן חשיבות. אמאל קען זיין אז מען איז מקבל די תורה ווען מען טראגט עס אן, עס איז א נייע זאך, משה רבינו האט עס אזוי שיין אראפגעלייגט, ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש (שם יט-ג), האט מען מקבל געווען די תורה, אבער מיט די צייט ווערט אמאל אפגעקילט די ליבשאפט צו תורה. אבער ווען מען זעהט אזויפיל טויזנטער יאר שפעטער, פרייען זיך יודען מיט די תורה, מען לאזט שרייבען נאכאמאל א ספר תורה, און מען מאכט עס מיט אזא שמחה, דאס ברענגט ארויס די חשיבות פון יודען וואס זענען צוגעבינדען צו די תורה אויף גאר א הויכע מדריגה. עס איז נישט נאר ווייל עס איז א מצוה צו שרייבן א ספר תורה, איז ער מקיים די מצוה, נאר ער שטעלט עס אהער מיט א שמחה, מיט מוזיק, ער רופט אלע גוטע פריינד אנטיילצונעמען אין זיין שמחה, דאס ברענגט ארויס די חשיבות פון קבלת התורה.

**יודען** האבן געזאגט קודם נעשה און נאכדעם נשמע. כאטש עס איז נישט אזוי דער סדר, קודם דארף מען הערן, און נאכדעם ווייסט מען וואס צו טון, האבן יודען געזאגט אזוי ווי די מלאכים רעדן, עושי דברו לשמוע בקול דברו (תהלים קג-כ), קודם נעשה און נאכדעם נשמע. איך האב געזעהן א ווארט פון **רבי יוסף ענגעל זצ"ל**. איך וועל נאכזאגען דאס ווארט, און איך וועל עס נאכדעם אביסל צולייגען. ער זאגט, וואס איז דער ענין אז יודען האבען געזאגט קודם נעשה און נאכדעם נשמע. זאגט ער אזוי, ווען א מענטש זאגט, אז ער גייט ברענגען א קרבן תודה, דארף ער ברענגען א בהמה פאר א קרבן, און עקסטער דארף ער צוברענגען לחם צו די תודה. עס איז דא א ברייתא אין מסכת מנחות (פא:), ווען איינער זאגט, אז ער איז מנדב א קרבן תודה, אבער ער ברענגט עס אן דעם לחם, כופין אותו ומביא תודה ולחמה, צווינגט מען אים, אז ער מוז ברענגען די לחם אויך. פרעגט די גמרא, פון וואו נעם איך די הלכה, ער האט דאך נאר מקבל געווען אויף זיך צו ברענגען א תודה. זאגט די גמרא, ווייל עס שטייט אין פסוק (דברים יב-כח) שמור ושמעת, 'שמור' הבא תודה, 'ושמעת' הבא לחמה. 'שמור' איז טייטש, אז דו זאלסט אפהיטן וואס דו האסט געזאגט, דו גייסט ברענגען א תודה, ברענג די קרבן. 'ושמעת' גיט צו, אז אפילו וואס דו האסט נישט געזאגט, טוה די מצוה בשלימות. און די תורה זאגט, אז א תודה דארף זיין צוזאמען מיט לחם, ברענג די לחם אויך. זאגט ער, זעהט מען פון די גמרא, אז א זאך וואס מען טוט בשלימות ווערט אנגערופן שמיעה.

**יודען** האבן געזאגט נעשה, מיר זענען גרייט קודם צו טון וואס דער אייבערשטער האט אונז געהייסען. מיר וועלן הערן די מצות פונעם אייבערשטען, און מיר זענען עס גרייט צו טון. אבער קען דען א מענטש מקיים זיין תיכף די מצוה בשלימות, ער איז דאך נאך נישט אין די מדריגה אז ער זאל עס קענען מקיים זיין. אבער נשמע, שפעטער, מיט די צייט, וועט ער עס טון מיט די גאנצע שלימות פון די מצוה. ווען מען וועט אריינקומען אין קבלת עול תורה, דעמאלטס וועלן מיר טון די מצוה בשלימות. נעשה גייט ארויף אויף די עשיה, און נשמע גייט ארויף אויף די שלימות וואס זיי וועלן נאכדעם מקיים זיין.

*

**מסביר** צו זיין די ווערטער. ווען א יוד ברענגט א קרבן תודה פארן אייבערשטען, א דאנק פארן רבונו של עולם, דארף ער מיטברענגען דערצו לחמי תודה, פערציג ברויטן קומט צו צוזאמען מיט די תודה. אין די מפרשים שטייט, וואס איז די טעם אז

מען ברענגט צו לחם צו די תודה. ווייל די לחם פון די תודה מיט די תודה צוזאמען איז נאכלין ליום ולילה, מען קען עס נאר עסן א טאג מיט א נאכט. אז מען האט מקריב געווען די קרבן תודה צוויי אזייגער נאכמיטאג, האט מען געדארפט אויפעסן די קרבן תודה מיט די פערציג ברויטן, ביז צוועלף אזייגער ביינאכט. אויב נישט, איז עס נותר, מען טאר נישט איבערלאזן פון די קרבן. עס איז נישט במציאות אז א מענטש מיט זיין משפחה, זאלן קענען אויפעסן א גאנצע בהמה מיט פערציג ברויטן, אין אזא קורצע צייט. ער מוז רופן זיינע גוטע פריינד, אז זיי זאלן מיטקומען צוזאמען מיט אים עסן, און אזוי צוטיילט ער די פערציג ברויטן, עס זאל אויסקומען פאר יעדן איינעם, און אזוי גיט ער אפ דעם דאנק פארן אייבערשטען.

**דער** אייבערשטער וויל אונז ווייזן מיט דעם, **אז דו ווילסט געבן א דאנק פארן רבונו של עולם אויף א זאך וואס ער האט דיר געגעבן, טו עס נישט פריוואט, דו מיט דיין משפחה, דו וועסט זיך אליין אראפזעצן און געבן א תודה פארן באשעפער, נאר זעץ זיך צוזאם מיט אלע דיינע גוטע פריינט, און דאנק פאר זיי דעם אייבערשטען, כדי עס זאל נתפרסם ווערן, אז מען האט דיר געטון א גוטע זאך.** עס זאל נתפרסם ווערן, אז דו האסט א שמחה פון א מצוה, נעם צוזאם יעדן איינעם און צוזאמען זאלט עטץ פייערן די תודה פארן רבונו של עולם. האט די תורה געהייסען אז מען דארף ברענגען אזויפיל ברויטן פאר א תודה, און מען דארף עס עסן אין אזא קורצע זמן, כדי אז מען זאל מיטנעמען גוטע פריינט צוזאמען זאלען נהנה זיין פון דעם קרבן.

**ווען** א יוד זאגט, איך בין גרייט צו ברענגען א תודה, אבער בלא לחמה, פערציג ברויטן פאר מיין משפחה איז צו אסאך, און ער איז נישט גרייט עס צו געבן פאר אנדערע, זאגט מען, ניין, שמור ושמעת, אז דו ווילסט ברענגען א תודה, דארפסטו ברענגען די לחם אויך דערפון. אז דו ווילסט דאנקען דעם אייבערשטען, מאך די שמחה אויף א שלימות'דיגע אופן, אז יעדער זאל זיך מיטפרייען, און עס זאל נתפרסם ווערן כבודו של מקום. איך מאך א שמחה, איך פריי זיך, איך דאנק דעם רבונו של עולם, און יעדער זאל זיך אפלערנען פון דעם ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. אפילו א מענטש האט געזאגט, אז ער ברענגט נאר א תודה אליין, דארף ער מיטברענגען די לחם אויך דערפון.

*

**יודען** זענען ביז קבלת התורה געווען בני נח, אזוי ווי גוים. מען האט נישט געהאט קיין תורה, מען האט נאר געדארפט מקיים זיין די שבע מצות, וואס דאס האבן זיי מקיים געווען, [א גוי איז דאס אויך נישט מקיים, און יודען האבן מקיים געווען די שבע מצות], אבער זיי האבן נאכנישט געהאט אויף זיך קיין קבלת התורה. און נישט נאר דאס, נאר זיי האבן אפילו נישט פארשטאנען וואס תורה איז. תורה איז אזא קדושה, תורה איז אזוי הייליג, וואס עס ליגט אלץ אין תורה, אז פאר א גוי איז נישט מעגליך משיג צו זיין וואס תורה איז. - די וועלט זאגט נאך, אז איינער האט אמאל געזאגט, מסביר צו זיין פאר א גוי די חשיבות פון יודישקייט איז זייער שווער. ווייל אפילו פאר א יוד מסביר צו זיין, ווי חשוב ער איז, איז אויך זייער שווער. איז כל שכן פאר א גוי, קען מען עס נישט מסביר זיין. מסביר זיין פאר א בן נח, ווען יודען האלטען נאך פאר קבלת התורה, וואס תורה איז, וואס די חשיבות פון א מצוה איז, איז זייער שווער מסביר צו זיין. און עס איז נישט מעגליך מסביר צו זיין.

**ווען** משה רבינו האט פארגעשטעלט פארן כלל ישראל, אז דער אייבערשטער וויל זיי געבן די תורה, און זיי האבן געזאגט, מיר זענען גרייט עס צו נעמען, האבען זיי דען פארשטאנען וואס תורה איז?! האבען זיי געקענט פארשטיין די טיפקייט פון תורה, און וואס דאס מיינט צו טון א מצוה פארן רבונו של עולם?! האבען זיי געזאגט, מיר זענען זיכער אז די תורה איז חכמתו של הקב"ה, אבער מיר זענען נאך זייער ווייט דערפון. אונז גיי מיר קודם אנהייבן צו טון די מצות, אונז וועל מיר יעדן טאג נתקדש ווערן מער און מער, אונז וועל מיר אנהייבן צו טון די מצות נאך א טאג און נאך א טאג, מיט מער שלימות פון וואס אונז האב מיר עס געטון ביז יעצט. ווייל מיר זענען נאכנישט אין די מדריגה יעצט, אז אונז זאל מיר קענען פארשטיין די שלימות פון די מצוה. האבן יודען געזאגט, אונז קען מיר טון די תורה אזוי ווי מיר זענען יעצט, נעשה, מיר זענען גרייט צו טון די תורה וואס דו הייסט אונז, אבער עס איז נישט מיט א שלימות, ווייל אונז פארשטיי מיר נאכנישט די חשיבות פון תורת ה' און די מצות פונעם

אייבערשטען. אבער ונשמע, די שלימות דערפון וועט נאכקומען. טאג נאך טאג, ווי מער אונז וועל מיר אריינקומען אין עול המצות, וועט זיין די שלימות פון די מצוה שטערקער.

**ביי** יעדע מצוה מאכט מען א ברכה אשר קדשנו במצותיו, וואס דער פשוטער פשט איז, אז תורה איז הייליג, און ווען דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצות, האט ער אונז מקדש געווען מיט די מצות. אשר קדשנו במצותיו, יעדער יוד באקומט א קדושה ווען ער טוט א מצוה. מיט יעדע מצוה וואס ער טוט, ווערט ער נתקדש מער און מער. ווען ער שטייט אויף צופרי און ער דאווענט, איז דא נאך א קדושה אויף אים. ווען ער זיצט און לערנט א שעה, קומט צו נאך קדושת התורה צו אים, פון ווען ער הייבט אן דעם צופרי ביז ער ענדיגט דעם טאג, ווערט ער יעדן טאג דערהויבן מיט א קדושה. אשר קדשנו במצותיו, דער אייבערשטער האט אונז געהייליגט, מיר ווערן נתקדש מיט די מצות. מארגען ווען ער גייט דינען דעם אייבערשטען, איז עס א אנדערע סארט עבודה ווי נעכטען. זיין גוף איז שוין מער נתקדש געווארן, ער האט נעכטען געטון אזויפיל מצות, ישראל זענען מלאים מצות כרמון (חגיגה כז:). דאס איז דער נעשה וואס יודען האבן קודם געזאגט, און נאכדעם נשמע, נאכדעם וועלן זיי עס טון מיט א שלימות.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן פאר יצחק אלעזר, אז ער האט געשריבן א ספר תורה, א מצוה וואס איז אפשר די טייערסטע מצוה וואס איז דא אין די תורה, וויפיל געלט עס קאסט איז עס מן הסתם די טייערסטע מצוה וואס א מענטש צאלט פאר א מצוה. אשר קדשנו במצותיו, דורכדעם וואס מען ליגט אין תורה און מצות, און מען דינט דעם אייבערשטען, מען זעהט צו טון צדקה וחסד, ווערט נתקדש דער גוף פונעם מענטש. און דורכדעם וואס עס ווערט נתקדש דער גוף, שפירט ער מער א נאנטקייט צו די תורה, ער פילט מער א דערהויבנקייט ווען עס קומט צו מצות ה'. און דאס איז די 'נשמע' וואס קומט נאך די 'נעשה'.

*

**און** אין פשוטן פשט, יודען האבן געזאגט נעשה ונשמע, זיי האבן מקדים געווען די עשיה פאר די שמיעה. זיי האבן געזאגט כל אשר דבר ה' נעשה, אונז ווייס מיר נאכנישט וואס דער אייבערשטער בעהט פון אונז, אבער אונז זאג מיר צו, וואס דער אייבערשטער וועט בעטן פון אונז, נעשה, אונז גיי מיר עס טון, ונשמע, און נאכדעם וועלן מיר הערן וואס מען וויל פון אונז. עס איז דא וואס א מענטש איז גרייט, וואס מען וועט מיר בעטן וועל איך טון, איך וועל גיין אין פייער און אין וואסער פאר וואס דער רבונו של עולם בעהט פון מיר, שפעטער וועל איך הערן וואס ער פארלאנגט פון מיר. דאס איז א לשון וואס מלאכי השרת משתמשין בו.

**יצחק** אלעזר זאל זיין געזונט, ווען עס קומט צו טון חסד, איז ביי אים קודם די נעשה, ער איז גרייט אויף אלעס, איך וועל טון אלעס וואס מען דארף, און נאכדעם וועלן מיר הערן וואס מען דארף אויספירן. אבער די נעשה, וואס מען איז גרייט צו טון תיכף ווען מען דארף, דאס קומט פאר נשמע. איך האב א ספיציעלן הכרת הטוב פאר רבי יצחק אלעזר, וואס ער שטייט מיר צו הילף אין אלע זאכען וואס עס קומט אויס. א מענטש וואס טוט פארן רבים איז אסאך פארנומען, און ער האט נישט קיין צייט מסדר זיין זיינע אייגענע צרכים. ער שטייט מיר צו הילף ביי יעדע זאך וואס מען דארף, און כל שכן ביי די שמחות, ממש איבערגעגעבן ווי א קינד, אהערצושטעלן אלעס וואס עס פעלט אויס צו די שמחה. וויל איך אים וואונטשן, אז דער אייבערשטער זאל אים באצאלן שמחות ביי אים אין שטוב, ער זאל זעהן אסאך נחת ביי די קינדער.

*

**מען** זעהט אז די מצוה פון כתיבת ספר תורה איז די לעצטע מצוה אין די תורה. אין אלעם ליגט דאך א רמז. ווען א מענטש איז מקיים אלע מצות פון די תורה, ער האלט שוין ביי מצוה תרי"ב, ער האט שוין אלעס מקיים געווען, זאגט מען אים, כאטש דו האסט מקיים געווען אלע מצות פון די תורה, זאלסטו וויסן, דו ביסט נישט פערטיג. אויב ער זעהט נישט איבערצוגעבן די תורה פאר זיינע קינדער און פאר זיינע אייניקלעך, אז די תורה זאל בלייבן פאר זיי אויך, האט ער נאכנישט יוצא געווען ידי חובתו. ועתה כתבו לכם את השירה הזאת וגו', למען תהיה לי השירה הזאת לעד בבני ישראל (דברים לא-יט). שרייב א ספר תורה, לאז איבער דעם ספר תורה פאר דיינע קינדער און דיינע אייניקלעך, און

דעמאלטס וועסטו זוכה זיין משלים צו זיין די תורה וועג פון דיר. עס איז נישט גענוג וואס דו ביסט זיך משלים, דו האסט געטון אלע מצות שבתורה, נאר שרייב א ספר תורה אז די תורה זאל אריבערגיין צו די דורות שפעטער. עס איז דעם טאטן'ס ספר תורה, דעם זיידענ'ס ספר תורה, און אויף דעם האבן זיי זיך מוסר נפש געווען. און דאס איז די ברכה וואס דער אייבערשטער גיט, דורכדעם וואס א יוד האט א נאנטקייט צו די תורה, און ער טוט עס מיט א ליבשאפט צום אייבערשטען, איז ער זוכה צו ערליכע יודישע דורות.

**דער** אייבערשטער האט געגעבן פאר יצחק אלעזר, ער האט אויפגעשטעלט אזא שיינע שטוב, זאל דער אייבערשטער אים ווייטער שיקן ברכה און הצלחה אין אלעם וואס ער טוט. און מיר אלע אינאיינעם זאלן קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב, און האבן א פרייליכען לוסטיגען יום טוב. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>ערב שבת פרשת במדבר</u>***

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מינץ שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר שמשון אליעזר מינץ הי"ו), ואצל משפחת מאנדל שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר הערשל מאנדל הי"ו).

*

***<u>שבת קודש פרשת במדבר - ערב שבועות</u>***

ביום שבת קודש בקריאת התורה התקיימה שמחת עליה לתורה של החתן **ישראל** (ב"ר שלמה צבי) **זינגער** נ"ו, והחתן **יחזקאל מנחם** (ב"ר שמואל יצחק) **בריעף** נ"ו. כמו כן קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **חיים מנשה פריינד** הי"ו (חתן הרה"ג רבי לוי יצחק לינדנער שליט"א).

לתפלת המוספין עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה, לרגל יומא דהילולא של אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** שחל ביום השבת. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות, ולכבוד ההילולא.

בסעודת יום שבת קודש חילק **רבינו שליט"א** הסעודה לשנים, והתפלל מנחה בבית המדרש סאמבאטהעלי. אחר תפלת מנחה נטל ידיו שנית לסעודה שלישית, וטעם בתחלה מעט דגים לכבוד סעודה שלישית, ואחר כך המשיך בסעודת היום.

בשבת קודש לפנות ערב - סמוך לכניסת החג - דרש **רבינו שליט"א** דברי הכנה ליום הגדול, יום קבלת התורה. בתוך הדברים ביאר **רבינו שליט"א** הענין שהיו 'רואים' את הנשמע, שעל ידי שמיעת קול ה' חוצב להבות אש, נתקדשו אזניהם של ישראל, להיות דבקים באלקים חיים. ועל ידי ראיית קול ה' בתורתו, נתקדשו עיניהם של ישראל שישאר רושם קדושה עולמית. ובגודל החיוב לזכור 'יום' אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב, שמוטל עלינו לזכור תמונת כל אותו היום של המעמד, שההר היה בוער באש, חושך ענן וערפל, ויהי קול השופר חזק מאוד, עד שלא יכלו בני ישראל לסבול הפחד, למען ידעו כי עיקר חשיבות התורה היא רק כשהוא ביחד עם יראת ה', בעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו, ורק יראת ה' טהורה עומדת לעד. וזהו חלק ממתן תורה, כי אם אין יראה אין חכמה.

**רבינו שליט"א** המשיך במעלת הבעל תשובה שהשי"ת מקבלו בטוב, עד שאמרו חז"ל (יומא פו.) גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד, וביאר הענין על דוד המלך ע"ה שהגם שחטא, זכה אחר כך ונתעלה להיות רגל הרביעי שבמרכבה, יחד עם האבות הקדושים (זוה"ק ח"ג רעב:). ומטעם זה אנו קורין מגילת רות - יחוסו של דוד המלך ע"ה - בחג שבועות זמן מתן תורתנו הק', שלא יתחמץ לב האדם כאשר יביט על השנים שעברו, איך יוכל עוד לקבל התורה מחדש, אך יתבונן בדוד שחטא משום שבא מפגם של מואב, ומכל מקום נתעלה עד שזכה למלכות בית דוד עד עולם.

וסיים דהנה יום מתן תורה תיאר לנו הכתוב שהוא יום חתונתו ויום שמחת לבו, וכמו שביום החתונה, אם יש ביניהם אהבה ואחוה, ומעמידים בנים ובני בנים לשם ולתפארת, אזי כל שנה ושנה מתרבה השמחה יותר ויותר, על דרך זה הוא בכלל ישראל, מדי שנה נתרבה השמחה, שאנו משיגין ביתר שאת המתנה טובה שזכינו ביום הזה.